שפילן איז געשמאק. ווערן פאַרוואונדעט איז נישט! אט זענען עטליכע עצות צו האלטן קינדער פארזיכערט.



# שפילצייג זיכערהייט עצות

## וועל אויס דעם ריכטיגן שפילצייג פארן ריכטיגן עלטער

- ליינט די לעיבלס און פאלגט שטענדיג אויס דעם פאבריצירער'ס אנווייזונגען.
- פאסט צו שפילצייג צו א קינד'ס עלטער, אינטערעסן און פעאיגקייטן.
- האלט שפילצייג פאר עלטערע קינדער ארויס פון וואו בעיביס און קליינע קינדער קענען דערגרייכן.
- קויפט קיינמאל נישט און געבט קיינמאל נישט אוועק קיין צעבראכענע אדער ריקאל'ד שפילצייג.

## האלטן קינדער פארזיכערט

**שפילצייג קען דערשטיקן, הענגען אדער דערווערגן.**

- ווארפט אוועק פלאכע אדער צעקראכטע באלאנען און פלאסטיק פעקלעך.
- האלט שפילצייג, צירונג און הויזגעזונד זאכן מיט לאנגע דראטן, שטריקן אדער ביעדס אוועק פון קליינע קינדער.
- לאזט נישט קיין קליינע קינדער שפילן מיט קיין מארבלס, פלאסטיק זעקלעך, אדער ציינדלען פראדוקטן און שפילצייג וואס האבן קליינע אדער לויזע טיילן.

**שפילצייג קען פארברענען אדער שאקירן.**

- האלט א נאנטע אויג אויף קינדער ווען זיי שפילן מיט שפילצייג וואס זענען עלעקטראניש אדער קומען מיט טשארדזשערס אדער אדאפטערס.

**שפילצייג קען זיין פארגיפטעט אדער פאראורזאכן אינערליכע וואונדן.**

- לאזט נישט קיין קינדער אראפשלינגען אדער לייגן צירונג, שפילצייג, קליינע טשאטשקעס, קנעפל באטעריעס אדער מאגנעטן אין זייער מויל. געוויסע צירונג, שפילצייג און קליינע טשאטשקעס קענען אנטהאלטן בליי אדער אנדערע שווערע מעטאלן וואס זענען שעדליך צום געזונט.

**שפילצייג קען פאראורזאכן שניט אדער וואונדן.**

- פארמיידט שפילצייג מיט שארפע שפיצן, עקן, שטעקלעך און אנטבלויזטע דראטן. ווארף-שטעקלעך, לופט ראקעטן און אנדערע שפילצייג וואס פליען דורך די לופט קענען פאראורזאכן אויג וואונדן.



## פארן פארזיכערט

- **טראגט א העלמעט.** יעדער זאל דאס טראגן, און עס איז דער געזעץ פאר קינדער 13 יאר אלט און יונגער.
- **פארט פארזיכערט.** פאלגט אויס די געזעצן פונעם שאסיי. קינדער וואס זענען 12 יאר אלט און יונגער מעגן פארן אויפן טראטואר.

## ווערט געוואר מער

- New York City Department of Health and Mental Hygiene (ניו יארק סיטי אפטיילונג פון געזונטהייט און גייסטיגע היגיענע): רופט 311 אדער באזוכט nyc.gov און זוכט Healthy Homes (געזונטע שטובער).
- U.S. Consumer Product Safety Commission (פאראייניגטע שטאטן קאנסומער פראדוקט זיכערהייט קאמיסיע): recalls.gov
- New York State Department of Health (ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון געזונטהייט): health.ny.gov/environmental/children/recalls
- ניו יארק סיטי'ס וויזשאן זערא טראפיק זיכערהייט איניציאטיוו: nyc.gov/visionzero

Health